Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פרייז 30 גראשען

היינט 16 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

| Nr. 151 (843) | Łódź, Piątek 2 Lipca 1926 | פירטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג כ תמוז תרפ״ו. | Nr. 151 (843) |
|---|---|---|---|---|

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel 24-71 ‖ אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# קאלא געגען ענדערונגען אין דער קאנסטיטוציע

וו אַ ר ש אַ, 1. (טעלעפאָניש פון אונזער ספּעציעל-קאָרעספּאָנדענט). היינט איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון יודישען „קאָלאָ״. אויף דער דאָזיגער זיצונג איז קודם-כל בעשטעטיגט-געוואָרען די שטעלונג פון דעפּ. אינזלער, אויף דער זיצונג פון דער אַדמיניסטראַטיווער קאָמיסיע, אויף וועלכער ס׳איז בעטראַכט-געוואָרען דאָס געזעץ וועגען זעלבסטפערוואַלטונגען.

דאַן איז דיסקוטירט - געוואָרען די פראַגען וועגען די ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע. די דיסקוסיע איז נישט פערענדיגט-געוואָרען און איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויף דער נאָהענטסטער זיצונג. פון דער דיסקוסיע האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין יודישען „קאָלאָ״ איז פערהאַן אַ נעגאַטיווע בעציהונג צו וועלכע עס איז ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע אַחוץ די פולמאַכטען פאַר׳ן מלוכה-פרעזידענט פונאַנדערצולאָזען דעם סיים.

אין דער דיסקוסיע האָט דעפּ. קירשבראָון אַרויסגערוקט אַ פאָרשלאָג צו פאָדערן אַ יודישע קוריע (?) ביי די קומענדיגע וואַהלען.

----

## פראנצויזיש - סאוויעטישע אונטערהאנדלונגען איבערגעריסען געווארן.

מ אָ ס ק וו ע, 1 (ספּ. טעל.) די פראַנצויזיש - סאָוויעטישע אונטערהאַנדלונגען זענען איבערגעריסען געוואָרען, ס׳איז אפילו נישט מעגליך געווען צו קומען אין אַ פערשטענדיגונג אין די פרינציפּיעלע פונקטען.

## דאלארובכע.

### נעכטיגער ציהונגס - טאג.

וו אַ ר ש אַ, 1 (טעלעפאָניש) 8,000 דאָלאַר – נומער 302206, 3,000 דאָלאַר – נומער 827669, צו 1,000 דאָלאַר – נומערן 949228, 856242, 931326, 406579. 706980, צו 500 דאָלאַר – נומערן 671576, 461216, 815686, 662231, 269976, 674208. 411742, 381789, 316893, 578867, צו 100 דאָלאַר – נומערן 668021, 17921, 671271, 387923, 941137, 204567, 495727, 377672, 371644, 700343, 852926, 364103, 630089, 749968, 132180, 539116, 508966, 69026, 635706, 303348, 901983, 59151, 851811, 180109, 825157, 702158, 798615, 194423, 517523, 112724, 335326, 404350, 643744, 276938, 496260, 636308, 519098, 912282, 142342, 142209.

## מינדערהייטס-סעקציע גרייט צו פארשלאגען

### פאר די נאציאנאלע מינדערהייטען.

וו אַ ר ש אַ, 1. (טעלעפאָניש פון אונזער ספּעציעל-קאָרעספּאָנדענט). אונטערן פאָרזיץ פון איגערן-מיניסטער איז היינט פאָרגעקומען אַ זיצונג פון די זאַכקענער וועגען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען. ס׳איז בעשטעטיגט געוואָרען דער פראָגראַם וועגען די מינדערהייטען צווישען זיי אויך וועגען די יודען. די דיסקוסיע אין דער דאָזיגער פראַגע וועט נאָך דויערן עטליכע טעג. דערנאָך וועט זי איבערגעשיקט ווערען צום מיניסטאָרען-ראַט צו בעשטעטיגען.

## קיין ציווילע אנקלאגע געגען שלום שווארצבארד.

פ א ר י ז, 1 (טעלעגראַפיש דורך י. ט. א.) הגם פערטיידיגער פון שלום-שוואַרצבאַרד טאָרעס האָט מי געשטעלט דעם פאָרשטעהער פון י.ט.א. דאָס ביז איצט איז פון קיין שום צד נישט אַריינגעטראָגען געוואָרען קיין פריוואַטע אַנקלאַגע געגען שוואַרצבאַרד׳ן.

די ידיעות, אַז די אוקראַינער האָבען געגרינדעט אַ ספּעציעלען קאָמיטעט, כדי אַריינצוטראָגען אַ ציווילע-אָנקלאָגע שטימען נישט מיט דער ווירקליכקייט.

----

**ווי כטיג פאר גלאז-הענדלער פון לאדז און פראווינץ!**

דערמיט מאַך איך בעקאַנט, אַז אין מיין ניי-ערעפנטען גלאז-געשעפט אויף זגערזשער 10 איז צו בעקומען שטענדיג אויף לאַגער אַלע סאָרטען

**פענסטער-גלאז**

צו פאַבריקס-פרייזען! קומט און איבערצייגט אייך!

מיט אַכטונג מ. מינץ, זגערזשער 10, אין הויף, טעלעפאָן 15-72.

584

**עס ווערט געזוכט!**

עס ווערט געזוכט אויף די קאָלאָניע קאָלא פון בית-היתומים זגערזשער 40

**א רוטינירטע ערציהערין**

מיט פרעבעלישע קענטניש.

מעלדען קאָן מען זיך טעגליך פון 9 פריה ביז 7 אָווענד אין דער קאַנצעלאַריע פון בית היתומים זגערזשער 40

582 די פערוואַלטונג.

**Dr. L. LEWITAN**

נעהמט אָן אין דערהיים פון 4 ביז 6 אָווענד צו קליניק-פרייזען.

31 גדאנסקא 31.

**שייטלען**

פון פרימאַ האָאַר, פערש.

קאַמיענגאַ 5, 2-טן הויף

ביי בצלאל פאַרזשוצקי.

צו דער בר-מצוה-פייערונג פון מיין פריינד

**יחזקאל דוד האכשפינער**

וואָס קומט פאַר זונטאָג, דעם 4 יולי, ווינש איך, אַז זיינע עלטערן זאָלען דערלעבען צו פייערען מיט פרייד זיין חתונה.

578 עקיבה גרינבוים און פרוי

מעומ״י לבי״י אני מברכים בברכת מז״ט את חביבנו יה״ב אלי׳ כסאנדער נ״י כרזאנאווסקי לארישיו את הבתולה מרת חמה תח״י אמזלער יאיר מזלכם כשמש בצהרים. כחפץ המברכים אתכם.

ה״ב הילל פייויש.

ה״ב יהודה הארש.

ה״ב יצחק גיססער.

565

צו דער האָכצייט פון פרל.

**ליובא גאמפעלעוויטש**

מיט ה׳ **מאריץ ראש**

וואָס איז פאָרגעקומען אין פאַריז, גראַטולירען מיר הערצליך און ווינשען פיל גליק.

סאלאמאן פלום און פרוי

יעקב גאמפעלעוויטש און פרוי.

536

Z intencji zaręczyn kolegi naszego

p. ABRAMA WOLMANA

z p. GUCIĄ ROTSZTAJNÓWNĄ

życzą wiele szczęścia i świetnej przyszłości.

J. Praw i L. Waksman.

579

צו דער חתונה פון פריילין

**רעגינא אנגעלעוויץ**

מיט ה׳ **אבע אורגאנעק**

ווינשט אַ גליקליכע צוקונפט.

ערובה נאלע בלום און פרוי.

580

צו דער פערלאָבונג פון מיין פריינד

אלכסנדר הענאך סקי מיט פרל.

חמה אמזלער ווינשט פיל גליק און ווינגט צופרידענהייט געטרייער חבר

חיים יצחק גרויסס.

558

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז דאָנערשטאָג, דעם 1-טן יולי 1926 געשטאָרבען מיין ליבען מאַן, אונזער טייערער ברודער, אָנקעל און שוואָגער

נ. ע.

**לייב ליוושיץ**

(מיטאינהאבער פון דער פירמע א. נילעס און קאמפ.)

אין עלטער פון 49 יאָהר.

די לויה קומט פאָר היינט, פרייטאָג, 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג פון טרויער-הויז פאַלודניאָוואַ 39, וועגען וואָס עס טיילען מיט

587

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

פון טיפע צער זענען מיר מודיע וועגען דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער פערדינסטפולען לאַנגיעהריגען פערוואַלטונגס-מיטגליד

נ. ע. **לייב** בן מנחם מענדל **ליוושיץ**

צו דער לויה, וואָס קומט פאָר היינט, פרייטאָג, 2 אַ זייגער נאָכם. פון טרויער-הויז, פאַלודניאָוואַ 39, בעטען מיר אַלע פערוואַלטונגס-מיטגליד דער פינקטליך צו קומען.

**די פערוואלטונגען**

פון אינטערנאַט פאַר יודישע קינדער און פערמע אין העלענובעק און אינטערנאַט „פאַמאָק״ אין לאָדז.

588

